האָט ער זיך אָנגעגורט זיין אויבערמלבוש—וואָרום
ער איז געווען נאַקעט—און האָט זיך אַריינגעוואָרפן
8 אין ים אַריין. די אַנדערע תלמידים אָבער זענען
געקומען אינעם שיפל, וואָרום זיי זענען נישט געווען
ווייט פון דער יבשה, נאָר אַן ערך צוויי הונדערט
9 איילן, שלעפנדיק די נעץ מיט פיש. און ווען זיי
זענען אַרויסגעשטיגן אויפן לאַנד, זעען זיי אַ פייער
פון קוילן אָנגעלייגט און אַ פיש ליגן דערויף און
10 ברויט. זאָגט ישוע צו זיי: ברענגט אַהער פון די
11 פיש, וואָס איר האָט איצט געכאַפּט. איז שמעון
פּעטרוס איינגעשטיגן און האָט אַרויסגעצויגן די
נעץ אויף דער יבשה, פול מיט גרויסע פיש, הונדערט
דריי און פופציק; און הגם עס איז געווען אַזויפיל,
12 האָט זיך די נעץ דאָך נישט צעריסן. זאָגט ישוע צו
זיי: קומט, עסט אָנבייסן! און קיינער פון די תלמידים
האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט אים צו פרעגן:
ווער ביסטו? ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז
13 דער האַר. קומט ישוע און נעמט דאָס ברויט און
14 גיט עס זיי, און אויך אַזוי דעם פיש. דאָס דאָזיקע
איז שוין דאָס דריטע מאָל ווי ישוע האָט זיך באַוויזן
צו די תלמידים, נאָך דעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען
פון די טויטע.

15 און ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן אָנבייסן, זאָגט ישוע
צו שמעון פּעטרוסן: שמעון בן יונה, צי האָסטו
מיך ליב מער ווי די דאָזיקע? זאָגט ער צו
אים: יאָ, האַר, דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב.
16 זאָגט ער צו אים: פּאַשע מיינע לעמער. ווידער
צום צווייטן מאָל זאָגט ער צו אים: שמעון בן יונה,
צי האָסטו מיך ליב? זאָגט ער צו אים: יאָ, האַר, דו
ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב. זאָגט ער צו אים:
17 פּאַשע מיינע שאָף. צום דריטן מאָל זאָגט ער צו